בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### אִידִישׁ

### תשפ"ו

448

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

גֶעצִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט נָאכְן זְמַן? ........ א

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

רֶבִּי, אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ ........ א
דִּי שֵׁיינֶע סוּמֶע צְדָקָה, וֶועט דִיר בַּיישְׁטֵיין בַּיים יוֹם הַדִּין ........ ב
פִּיר זִיךְ אֵיידְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת ........ ב
פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רָב? ........ ג
נִישְׁטָא שֶׁענֶערְס וִוי אַן אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע פְּרוּי ........ ד
אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין ........ ה
אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה ........ ו
אַזוֹי שֵׁיין מְחַנֵּךְ דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה ........ ו
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר טִיטְשְׁן דִי אַכְט וָואכְן פוּן זוּמֶער ........ ז
נֶעם בָּחוּרִים צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִלָּה ........ ז
מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת ........ ח
צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי בִּנְיָן הַמּוֹסְדוֹת אִין לִיבֶּערְטִי ........ יג
הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער ........ יד
אוּנְזֶער טָאכְטֶער הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אִין קֶעמְפּ ........ יד
בְּרֶסְלֶב'עֶ מְהוּדָר'דִיגֶע פְלֵייש ........ יד
כַּלָה שִׁיעוּרִים ........ טז

אַז מֶען הָאט אַ טַעֲנָה אוֹיף אֵיינֶעם, גֵייט מֶען צוּם בֵּית דִּין.....................יז

אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דִי מִילְיָאן דָאלֶער בִּיז דְרֵיי יָאר.....................יח

זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טֵייעֶר זוּן.....................יט

בֵּית פֵּיגָא סְקוּל, אַ וַוארֶעמֶע לִיבְּלִיכֶע הֵיים.....................יט

מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ קֶענֶען פִירְן קִינְדֶער מִיט אַ בָּאס.....................כ

אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.....................כ

וֶוער עֶס הֶעלְפְּט מִיר אִין מוֹסָד, אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.....................כא

זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.....................כב

אוּנְזֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט אוֹיף דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.....................כג

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דִי זוּמֶער וָואכְן.....................כד

בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן זָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי.....................כד

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען דַיין יְשׁוּעָה.....................כו

מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ אוּן מֶען פָארְט אוֹיף אוּמַאן?!.....................כז

אַ פַארְגֶענִיגְן בַּיים שְׁווִימֶען פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.....................כח

לָאמִיר אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער.....................כח

וִויפִיל כֹּחוֹת אוּן פְּלָאג עֶס לִיגְט אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.....................כט

גֶעבָּארְגְט צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דֶעם בִּנְיָן הַמוֹסְדוֹת.....................ל

אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עִבְרִי מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.....................לא

קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת.....................לא

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין מִיט אוּנְזֶער זוּן.....................לב

מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.....................לג

אַזוֹי שֵׁיין אָפְּגֶעגֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.....................לד

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.....................לה

פַארְדֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר.....................לה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## גֶעצִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט נָאכְן זְמַן?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע: בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים פְּרוּבִּירְט מֶען יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת צוּ זַיין גְרֵייט בַּאצַייטְנְס, מִיר ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין גְרֵייט נָאךְ פַּאר דִי צַייט, אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, לְמַעֲשֶׂה, כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ צִינְדְט מֶען לִיכְט מַמָּשׁ פַּאר דִי שְׁקִיעָה.

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאבְּן זִיךְ דִי הֲכָנוֹת גֶעשְׁלֶעפְּט, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן לוּחַ הַזְמַנִּים וֶוען עֶס אִיז דִי שְׁקִיעָה אוּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא אַפָּאר מִינוּט צוּם שְׁקִיעָה, אִיךְ זָאג פַּאר מַיין וַוייבּ פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אַז בָּרוּךְ ה' מֶען הָאט גֶעצִינְדְן פִינְף מִינוּט פַּארְן שְׁקִיעָה, זָאגְט זִי מִיר: "וָואס? דוּ הָאסְט אַ טָעוּת", קוּק אִיךְ נָאכְאַמָאל אִין לוּחַ אוּן אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט דִי שְׁקִיעָה פוּן פָּארִיגֶע וָואךְ, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אוּן אַ גַאנְץ שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בַּיים דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוּנְז שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶנְק זָאלְן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט בַּיים זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, דָאס אִיז בְּעֵרֶךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט פַארְן שְׁקִיעָה, (אָדֶער נָאךְ פְרִיעֶר), אוּן נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אָנְצוּגְרֵייטְן דִי לֶעכְט גֶענוּג פְּרִי; וַוייל עַל פִּי סוֹד דַארְף דֶער מַאן אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט, עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל וֶוען דֶער מַאן גְרֵייט אָן דִי לֶעכְט אוּן דִי פְרוֹי טוּט דִי מִצְוָה פוּן צִינְדְן דִי לֶעכְט - וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב.

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם טִישׁ גֶענוּג פְּרִי, לֵייג אַ וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ, אוּן לֵייג דִי לַייכְטֶער מִיט דִי לֶעכְט, אוּן בְּרֶען אָפּ דִי לֶעכְט, אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי זְמַן - זָאל אַלֶעס זַיין גְרֵייט, אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לִיכְט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת כה:) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, יז): ״׳וַתִּזְנַח מִשָּׁלוֹם נַפְשִׁי׳, זוֹ הַדְלָקַת נֵר בְּשַׁבָּת״, וַוייל דוּרְךְ צִינְדְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט בְּרֶענְגְט מֶען הַצְלָחָה אוּן בְּרָכָה אִין שְׁטוּב, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז נִישְׁט נִזְהָר אִין צִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט - פַארְלִירְט מֶען דִי מַזָל אוּן דִי הַצְלָחָה.

גֵיי גֶענוּג פְּרִי אִין מִקְוֶה, לָאז נִישְׁט אַלֶעס אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, וַוייל אַז מֶען לָאזְט אַלֶעס אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט - אִיז דָאס אַ בַּאוַוייז אַז דִי מִצְוָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב; וָואלְט עֶס גֶעוֶוען חָשׁוּב - וָואלְט מֶען אָפְּגֶעוַוארְט דִי מִצְוָה, מֶען וָואלְט גֶעוַוארְט אוֹיף צִינְדְן לֶעכְט אַזוֹי וִוי מֶען וַוארְט אוֹיף אַ חָשׁוּב׳עֶ גַאסְט, אוּן דִי מִנְהָג אִיז אַז דִי פְרוֹי צִינְדְט לִיכְט מִיט שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע קְלֵיידֶער, וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען צִינְדְט לֶעכְט - אַזוֹי וֶועט מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי נְשָׁמָה וֶוען מֶען וֶועט נִפְטָר וֶוערְן; אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְשַׁאפְט - וֶועט מֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה אוּן לִיבְשַׁאפְט, סַיי דֶער מַאן אוּן סֵיי דִי וַוייבּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז וֵויי אוּן בִּיטֶער בָּזֶה וּבַבָּא, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דַף כג:): ״מָאן דִמְקַבְּלִין אוּשְׁפִּיזִין״, וֶוער עֶס נֶעמְט

אוֹיף דִי גֶעסְט, "דְּאִינוּן נִשְׁמָתִין יְתֵרִין", דָאס מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, "דְּאִינוּן מַרְכִּיבִין עֲלַיְיהוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת", וָואס קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת - "בְּאַנְפִּין צְהוּבִין", מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "בְּחֶדְוָה", מִיט פְרֵייד, "בְּעִנּוּגָא", מִיט אַ פַארְגֶענִיגְן - "בְּהַאי עָלְמָא", אוֹיף דִי וֶועלְט. "כַּד נִשְׁמָתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא נָפִיק מִן גּוּפֵיהּ מֵהַאי עָלְמָא", וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט - "הָכִי מְקַבְּלִין לוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי", אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר מְקַבֵּל זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְאִתְּמַר בְּהוֹן", אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פד, ד): "גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## רֶבִּי, אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, מִיט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, וִוי דוּ וַוארְטְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְטְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, רַק חֲזַק, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, כִּי קְרוֹבָה יְשׁוּעָתְךָ.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיים רֶבִּי׳ן וֶועסְטוּ פּוֹעֵלְ׳ן דַיין שִׁידוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פט): ״הַדַּעַת מְשַׁדֵּךְ כָּל הַשִּׁדּוּכִים״, דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן; בַּיים צִיוּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: **״רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ, רֶבִּי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, רֶבִּי אִיךְ ווִיל זַיין אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, רֶבִּי אִיךְ ווִיל צוּרִיק קוּמֶען אִיבֶּער אַ יָאר מִיט אַ טַלִית...״** אַזוֹי אוּן נָאכְמֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בַּיים צִיוּן אִין אוּמַאן.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַן אַכְסַנְיָא בַּיי אַן עֶרְלִיכֶע חַבוּרָה, מֶען דַארְף עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, וָואס פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן פוּן עֶרֶב אוּן מוֹצָאֵי - זָאלְן אַרִיבֶּער גֵיין הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳.

זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי שֵׁיינֶע סוּמֶע צְדָקָה, וֶועט דִיר בֵּיישְׁטֵיין בַּיים יוֹם הַדִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע סְכוּם צְדָקָה פוּן פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי יְשִׁיבָה.

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִין, וֶוען מֶען גֵייט יֶעדְן מִשְׁפָּטְ׳ן - זָאל דִיר זַיין פַאר אַ זְכוּת דִי צְדָקָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי יְשִׁיבָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר, פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן הָאט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן דָאס אִיז אַלֶעס דַיין זְכוּת מִיט דַיין חַבֶר ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן דָאס אִיז פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ: ״הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, כְּאִילּוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא״.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פִיר זִיךְ אֵיידְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים אַז דוּ טְרָאגְסְט אוּן בְּרֶענְגְסְט וְכוּ׳, חַתַנִים רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז דוּ קוּמְסְט זֵיי בְּרֶענְגֶען אוּן טְרָאגְן, הָאסְט גֶעזֶען

זֵייעֶר כַּלָה; דוּ מַאכְסְט זִיךְ צָרוֹת, מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְסוּדָר.

וָואס קוּקְסְטוּ נָאךְ יֶענֶעמְ'ס כַּלָה, יֶענֶעמְ'ס פְּרוּי? אוּן אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעזֶען - וָואס זָאגְסְטוּ? וָואס טְרָאגְסְטוּ נַייעֶס פוּן דֶעם צוּ יֶענֶעם?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פִּיר זִיךְ אֵיידְל, 'מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחְקוּךָ', וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג בִּיז אַהֶער - וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲבֵרִים, אַלֶע וֶועלְן דִיךְ אָפְּלָאזְן; אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן אֵיידְל - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, וַוייל אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - בַּאקוּמְט מֶען אַ מַתָּנָה, 'שְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ', אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רָב?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶער מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט בַּיי אַ טִישׁ פוּן אָפֶענֶע סְפָרִים אוּן עֶר וֵויינְט, אוּן עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן זַיינֶע בַּאקְן, אוּן וִוי בַּיים פֶענְסְטֶער זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער קוּקְט אַרַיין אוּן עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעשִׁיקְט מִיט אַ שְׁלִיחוּת עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם רָב, רֶבִּי אַהֲרֹן, דֶער רָב אִין בְּרֶסְלֶב.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רָב אִיז עֶר אַרִיבֶּער בַּיים שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין פֶענְסְטֶער, הָאט עֶר גֶעזֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, דֶער רָב זִיצְט בַּיי אַ טִישׁ פוּל מִיט סְפָרִים, אוּן עֶר וֵויינְט; עֶס רִינֶען אוֹיף זַיינֶע בַּאקְן טְרֶערֶעלֶעךְ...

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס וֵויינְט יֶעצְט דֶער רָב? עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, וָואס בֶּעט עֶר יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' רֶבִּי נָתָן בֵּייגְט צוּ זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן עֶר הֶערְט ווִי דֶער רָב בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, אִיךְ ווִיל אַלְץ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר! אִיךְ ווִיל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר!"**

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "נָתָן, וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיים רָב?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם רָב וֵויינֶען", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "יָא יָא! טַאקֶע דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּם רָב, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט וַוייזְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דֶער וֶועג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דוּרְךְ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֵויינֶען צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען אָנְהֵייבְּן צוּ זִינְגֶען: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

טֵייעֶרֶער יוֹאֵל, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון, סַיי פַאר יוּנְגֶע, סַיי פַאר אַלְטֶע, אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### נִישְׁטָא שֶׁעֶנֶערְס ווִי אַן אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע פְרוֹי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ שֶׁעצְט דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אַן אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע פְרוֹי; גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס שֶׁעֶנֶערְס אוּן

בֶּעסֶערְס וִוי אַן אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע פְרוֹי, גְלֵייבּ מִיר; אוּן אֲפִילוּ עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ מִיר נָאכְאַלְץ גְלֵייבְּן, וַוייל דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה רוּט אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי פְרוֹי אִיז אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען וַוארְפְט אַרָאפּ דִי אֵיידְלְקֵייט - גֵייט דִי שְׁכִינָה אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי עֶנְק אִין דִי מִשְׁפָּחָה ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ, עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי; אִיךְ הָאף נָאר אַז יֶעצְט טוּסְטוּ מֶער שֶׁעצְן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעשָׁאנְקֶען, זָאלְסְטוּ סֵיי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר דַיין וַוייבּ פַאר אִיר אֵיידְלְקֵייט.

אִיךְ וֵוייס פִּינְקְטְלִיךְ דִי פֵייעֶר וָואס אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, גְלֵייבּ מִיר, עֶס לוֹינְט אַן אִשָּׁה צְנוּעָה, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין דִי זְכוּת פוּן צְנִיעוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דִי שָׁנָה רִאשׁוֹנָה צַייט אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן; פוּן אֵיין זַייט אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען קֶען זַיין מִיט הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין טִרְדוֹת פוּן דִי קִינְדֶער; דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה - קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נִיץ אוֹיס דִי צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִילָּה, לוֹיף נָאכְנִישְׁט אַרְבֶּעטְן, וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ יָארְן צוּ אַרְבֶּעטְן, לָאז דִי צַייט פוּן שָׁנָה רִאשׁוֹנָה פַאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ בִּיסְט

נִישְׁט אַזוֹי הוּנְגֶעריג פַאר אַ גוּט וָוארְט, דוּ בִּיסְט גוּט אָן גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ אָבֶער וִויסְן אַז אַ פְּרוּי, וֶוען אִיר מַאן גֶעבְּט אִיר גוּטֶע ווערְטֶער - וֶוערְט זִי אַזוֹי זַאט אוּן צוּפְרִידְן, אוּן דָאס מַאכְט דִי קֶשֶׁר זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט; עַל כֵּן זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע וֶוערְטֶער; דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען; עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶער עֶס לוֹינְט; עֶס בְּרֶענְגְט נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע סְכוּם צְדָקָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי יְשִׁיבָה, דִי חָשׁוּבֶ׳ע סְכוּם פוּן פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה וָואס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיךְ בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב דוּ זֶעסְט דִי גְרוֹיסֶע שִׁנּוּי אוֹיף אִים, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאב אִים זֵייעֶר לִיב; זַיין הַארְץ, זַיין תְּמִימוּת; דָאס אִיז דַיין זְכוּת, מִיט דַיין חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר; דָאס וֶועט מֶען לֵייגְן אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ גוּטֶע יָאר.

...

## אַזוֹי שֵׁיין מְחַנֵךְ דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְנַהֵל אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסְסֶער נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אָן דִי קְלֵיינֶע טִיפּ, דָאס שִׁיקְן מִיר וַוייל מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נַחְמָן נָתָן מִיט יִצְחָק דָוִד, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן און מִיר ווּאוּנְטְשְׁן דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר און הַצְלָחָה און סַיְיעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיט דִי קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, אָמֵן.

**מִשְׁפַּחַת ...**

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן טִיטְשְׁן דִי אַכְט וָואכְן פוּן זוּמֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

אַ קְלֵיינֶע טִיפּ פַאר מָרַת ... תִּחְיֶ׳, פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט אוּנְזֶער טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳, אִיר טִיטְשְׁן דִי אַכְט וָואכְן פוּן זוּמֶער תשפ״ו.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר און מִיר וַוייזְן אַרוֹיס אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**מִשְׁפַּחַת ...**

...

## נֶעם בָּחוּרִים צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִלָּה; מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, און עֶס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶעס.

אִיךְ הֶער פוּנֶעם מַגִיד שִׁיעוּר הָרַב יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁלִיטָ״א אַז דוּ נֶעמְסְט

אַרוֹיס בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף; צִי מִיט דִי בּוֹיעֶן דִי עֵירוּב, צִי מִיט אוֹיפְהַאלְטְן דִי שָׁארְטְקָאטְס, צִי מִיט דִי שְׁחִיטָה וְכַדוֹמֶה; אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן כֹּה לֶחָי, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן, אוּן אוֹיךְ וֶוען דוּ זֶעסְט אַ בָּחוּר וָואס מֶען הָאט אִים אַהֵיים גֶעשִׁיקְט פוּן יְשִׁיבָה אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אוּן גֵייט לֵיידִיג - זָאלְסְטוּ אִים נֶעמֶען מִיט דִיר אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין זֶה נֶהֱנֶה וְזֶה נֶהֱנֶה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט פַאר דַיין וַוייבּ, אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס; סַיי טוּן פַאר דִי קְהִילָה, אוּן סַיי פַאר דִי וַוייבּ, סַיי פַאר שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מִיר הָאבְן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן בְּפֶה מָלֵא אַז מִיר הָאבְן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ זָאג דִיר עֶס מִיט אַ פוּלֶע מוֹיל, פוּן קֵיינֶעם הָאבְן מִיר זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש מִיט יָארְן צוּרִיק, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "יוֹאֵל, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט דִי חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה פוּן קַיין שׁוּם פְּלַאץ", אוּן גְלֵייבּ מִיר, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט מְתַקֵן זַיין; אִיז וָואס וָואלְט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט הַיינְט וֶוען דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן יְשִׁיבָה - אִיז נָאר גֶעוָוארְן מֶער שֶׁענֶער אוּן מֶער הֵיילִיגֶער, אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ, בַּיי מִיר אִיז שְׁטֶענְדִיג (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת א, ב): "רוֹאֶה בַּעַל

הַשְּׁמוּעָה כְּאִלּוּ הוּא עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ", אִיךְ זֶע אַלְץ פַּאר מַיינֶע אוֹיגְן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט מִיר יֶעצְט גֶעזָאגְט אוֹיב אִיךְ זָאל עֶפֶּעס פַּארְרֶעכְטְן וְכוּ'; קֶען זַיין עֶס הֶערְט זִיךְ לַאכֶעדִיג אָבֶער אַזוֹי אִיז עֶס, אִיךְ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אִיךְ לֶעב מִיט דֶעם, (אוּן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זִיץ אוֹיבְן אָן אוּן אִיךְ גֶעב אַ שִׁיעוּר וְכוּ' - אִיז בַּיי מִיר אִין מֹחַ וִוי אִיךְ זִיץ בַּיי דִי רֶעכְטֶע זַייט בַּיים טִישׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָארְט ווּאוּ אִיךְ פְּלֶעגְט זִיצְן אַלֶע וָואכְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אוֹיף מַיין מָקוֹם קָבוּעַ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל זִינְגֶען אָדֶער רֶעדְן וְכוּ'), אוּן אִיךְ זֶע דִי שְׁמֵייכְל אוּן הַנָאָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט מִיר אַבִּיסְל וַוארֶעמֶע זִיסֶע מוּסָר מִיט גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת נִישְׁט נָאר צוּ דִי בָּחוּרִים, נָאר אוֹיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערֶע, אוּן וִוי אִינְטֶערֶעסַאנְט עֶס הֶערְט זִיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ מִיר פָּארְאוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן הִתְחַזְקוּת אוּן אוֹיסְגֶעפִּירְט דִי בְּרִיוו: "שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ שְׁרַייב דִיר יֶעצְט אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ דָאס גֶעלֵיינְט?" אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזֶען אַז דָא וֶועט זַיין אַ חֵדֶר, אַ סְקוּל, אַ יְשִׁיבָה מִיט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן מִיט עֶלְטֶערְן, אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן זֵיי וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן; הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: "שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ שְׁרַייב דִיר יֶעצְט אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ דָאס גֶעלֵיינְט?" אוּן דָאס בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ טוּסְט, אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן אוּן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי מִיט אוּנְזֶער אַרְבֶּעט.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי גַאנְצֶע בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ג, מִכְתָּב רמז):

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, דוּ וֵוייסְט דָאס אִיךְ בִּין שׁוֹין עוֹסֵק אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ הַיינְט צוּ טָאג זִיבְּן אוּן פוּפְצִיג יָאר, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן

וְכוּ׳ וְכוּ׳, ווי װעגן אַבִּיסל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה איז מען גְרֵייט יֶענֶעם צו שֶׁחְטְן, װעגן געלט קען מען יֶענֶעם אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, די חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פח:): "מִשֶּׁרָבּוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַּאי וְהִלֵּל שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ כָּל צָרְכָּן רָבּוּ מַחְלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל וְנַעֲשֵׂית תּוֹרָה כִּשְׁתֵּי תוֹרוֹת"; מען קען זַיין אַ תַּלְמִיד פון די הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים שַׁמַּאי וְהִלֵּל, אָבֶער אויב מען הָאט נִישְׁט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, פון דֶעם קוּמְט אַרוֹיס מַחְלוֹקֶת, און יֶעדֶער מַאכְט שַׁבָּת פַאר זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, און עֶר כַאפְּט נִישְׁט דָאס עֶר לֶעבְּט אִין אַ גְרוֹיסְן דִמְיוֹן, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט נִישְׁט אַריין אִין זִיךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם גֶעטְלִיכְקֵייט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא, און נָאר צו אִים דַארְף מען רֶעדְן, און בֶּעטְן וָואס מֶען דַארְף, און נָאר פון אִים דַארְף מען רֶעדְן צו יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אִין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת, וָוארוּם עֶר וִויל זַיין אַ מְצִיאוּת אויף די וֶועלְט, עֶר פַארְגֶעסְט דָאס יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע קען מען אִים צוּרִיק רוּפְן אוֹיבְן וְכוּ׳, און וָואסֶערֶע פָּנִים וֶועט עֶר הָאבְּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ פַארְנוּמֶען צו יֵשׁוּת און גֵיאוּת און כָּבוֹד?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ"ד) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן און גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, און מִיר זֶענֶען גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט אַוֶועקְצוּגֵיין פון דִי וֶועלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טְרַאכְט דָאס, הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין הִתְנַשְּׂאוּת, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, און דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טְרַאכְט נָאר פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וִויל מְקָרֵב זַיין אַלֶע אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט פַאר זִיךְ, זַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבּוּנְג אִיז נָאר ווי אַזוֹי קען מען אַרֵיינְבְּרֶענְגְן אִין אַלֶע אִידְנ׳ס הֶערְצֶער זֵיי זָאלְן אוֹיבֶעט טְרַאכְטְן פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער אֱמֶתְ׳ר אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, עֶר פַאר זִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, טוּן דֶעם רָצוֹן פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אִיד צו אִים, און אַרֵיינְזַשֵׁיינֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם עִנְיָן פון תְּפִלָּה, אַז מען דַארְף בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טוֹבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיין בִּיסְל טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ דִיר, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גָארְנִישְׁט נָאר זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים, אוּן צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז זֵיי ווִילְן אִיבֶּערְנֶעמֶען וְכוּ׳, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דוּ הָאסְט זֵיי מְרַחֵק גֶעוֶוען וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס טוּט זֵיי זֵייעֶר וֵוי פַארְוָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נָאכְמֶער טוּט מִיר וֵוי, פַארְוָואס דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם? וָוארוּם אִיךְ וֵויס וָואס הֵייסְט מַחְלוֹקֶת וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁפִּירְט אוֹיף מַיין הוֹיט, וָואס פְּשׁוּטֶע יוּנְגַאטְשֶׁעס בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער קָאפּ לִיגְט נָאר אִין גֶעלְט אוּן כָּבוֹד אִין פִּרְסוּם וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְגִינֶען נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן וְכוּ׳, דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט אוֹיפְן אֱמֶתְ׳ן תַּכְלִית אַז אָט וֶועט עֶר מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט אוֹיף דִי וֶועלְט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען צוּ רוֹדֶפְן אַ צְוֵוייטְן אָדֶער צוּ מְרַחֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל אוּנְז בְּרֶענְגֶען וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר נָאר זֶען רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת, זַיין גוּף זָאל עֶר מְצַיֵּיר זַיין ווִי סְ׳לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֶבֶר וְכוּ׳, אוּן זַיין נְשָׁמָה שְׁוֶועבְּט נָאר אַרוּם אִין גֶעטְלִיכְקֵייט, וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ב) אַז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ אֱמֶתְ׳ן שִׁפְלוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אוּן דָאס אִיז דֶער אֱמֶתְ׳ר תְּחִיָּה, ווִי סְ׳שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה כ"ו) "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר" דַרְשְׁנֶען אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ"ל (סוֹטָה ה׳) מִי שֶׁנַּעֲשֶׂה שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו.

שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, וֶוער הַיינְט וָואס לֶעבְּט גֵייט אַרוּם מִיט אַ מַחְשָׁבָה אַז זַיין גוּף לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֶבֶר? מֶען רֶעדְט נָאר פוּן טוֹיט שְׁרֶעקְט מֶען

זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער, אוּן מֶען זָאגְט אוֹי רֶעד נִישְׁט פוּן דֶעם, שְׁרֶעקְסְט מִיר אִיבֶּער וְכוּ׳, דוּ מַאכְסְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג וְכוּ׳, אוּן אַ אֱמֶתְ׳ר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי גָארְנִישְׁט אַז עֶר שְׁפִּירְט מַמָּשׁ ווִי זַיין גוּף לִיגְט שׁוֹין פוּן לַאנְג אִין קֶבֶר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דִי נְשָׁמָה שְׁוֶועבְּט אַרוּם נָאר אִין רוּחְנִיּוּת אֱלֹקוּת, גְלֵייבּ מִיר אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, אוּן נִישְׁט קַיין הִתְנַשְּׂאוּת, אוּן ווִיל נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶר זָאל אוֹיכֶעט שְׁפִּירְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פֶּערְזֶענְלִיךְ, זֶעה דָאס בִּיסְל אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר גַאנְץ חַיּוּת אִיז זִיךְ הַאלְטְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן זֵיי שֶׁעפְּן פוּן דָארְטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וְכוּ׳, זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַזַא אִינְגֶערְמַאן ווִי ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס אִיז דִיר בֶּאֱמֶת גֶעטְרַיי, אוּן וֶועגְן אַ לָשׁוֹן הָרָע אָדֶער אַ זַייטִיגֶע נְגִיעָה וָואס אֵיינֶער אָדֶער צְוֵויי רֶעדְן אָן אוֹיף אִים, פַארְוָואס דַארְף מֶען אִים מְרַחֵק זַיין ?

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן ס׳טוּט מִיר זֵייעֶר ווֵיי אַזַא זַאךְ, אֱמֶת עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט אוּם פַארְגִינֶערְ׳ס, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג גְלַייךְ פוּן אָנְפַאנְג, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי הַצְלָחָה פוּן דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן זֵיי הַאלְטְן זִיךְ ווַייטֶער צוּזַאמֶען, פַארְוָואס דַארְף מֶען זֵיי מְרַחֵק זַיין ? אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ מֵיין, אוּן זָאלְסְט דָאס פַארְרֶעכְטְן, עֶס אִיז אַ שָׁאד הַאקְן קֶעפּ וְכוּ׳, אוּן פַארְטְרַייבְּן, דָאס זֶעט מֶען אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער פוּן בְּרֶסְלֶב, הַיינְט אִיז דֶער גְרוֹיס, אוּן מָארְגְן קְלַאפְּט מֶען אִים אַרָאפּ אוּן מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק, אוּן אִיבֶּערְמָארְגְן וֶוערְט עֶר אַלֵיין פַארְטְרִיבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מַאכְט שַׁבָּת פַאר זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען נָאר מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים.

פְרֶעג אֵיינֶעם פוּן דִי אַלֶע גְרוּפֶּעס אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ ? אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אֵיין מָאל גִיעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין זֵייעֶר לֶעבְּן ? אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אֵיין מָאל גִיעֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִין זֵייעֶר לֶעבְּן ?

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ מֵיין גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס מֶער בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און וָואס מֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מֶען הָאט דָאס אִינְזִינֶען זִיכְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קְלֵיין קֶעפֶּלְדִיגֶע מַחְלוֹקֶת׳לֶעךְ.

טְרַאכְט גוּט אַרַיין וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן דָא, און זֶעה זֵיי מְקָרֵב צוּ זַיין, וָוארוּם עֶס אִיז אַ שָׁאד זֵיי צוּ פַארְלִירְן, סְ׳אִיז נִישְׁט אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי ווילְן דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, דָאס אִיז אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי ווילְן דִיר הֶעלְפְן, נָאר אֵיינֶער צְוֵויי הֶעצְט דִיךְ אוֹיף, און פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס דִי פֵּירוּדִים און מַחְלוֹקֶת וָואס אִיךְ הָאבּ פַיינְט בְּתַכְלִית הַשִּׂנְאָה, און אִיךְ בִּין שׁוֹין פוּן לַאנְג אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן זֵיי וְכוּ׳, און אִיךְ וויל זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְקוּקְן, וָוארוּם בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָר, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע וֶועלְט, ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ דָאס גֶעלֵיינְט?

עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע קִיבּוּצִים, און אוֹיךְ אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און אוֹיךְ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס מֶען רֶעדְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאל יֶעצְט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶועגְן אַפָּאר קְלֵיין-קֶעפֶּלְדִיגֶע קִינְדֶערִישֶׁע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אוֹיף אַזַא אוֹפֶן וֶועט דֶער חֵדֶר נִישְׁט הָאבְּן אַ קִיוּם וְכוּ׳, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן, נָאר אִיךְ מוּז יֶעצְט עֶנְדִיגְן וֶועגְן דִי טְרָדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט. עַד כַּאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי בִּנְיָן הַמּוֹסְדוֹת אִין לִיבֶּערְטִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ בִּנְיָן פַאר דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ מוֹסְדוֹת אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, 40 אַקַאדֶעמִי אִין לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.

זְמַן הַפֵּרָעוֹן אִיז בִּיז דְרֵיי יָאר, חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ״ט לפ״ק.

וְעַל זֶה בָּאתִי עַל הֶחָתוּם.

...

## הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מַגִּיד שִׁיעוּר ר׳ יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר ווִילְן אַרוֹיסְוַוייזְן אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נַחְמָן נָתָן מִיט יִצְחָק דָּוִד.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר זֵיי.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**מִשְׁפַּחַת ...**

...

## אוּנְזֶער טָאכְטֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

מִיר שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע טִיפּ פַאר ״הַכָּרַת הַטּוֹב״ פַאר דִי ״קֶעמְפּ דִירֶעקְטָאר״, מָרַת ... תְּחְיֶ׳, פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער ... תְּחְיֶ׳, זִי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

מִיר ווֵייסְן אַז דָאס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, אוּן מִיר זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן מִיר ווַייזְן אַרוֹיס אוּנְזֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ מְהוּדָר'דִיגֶע פְלֵייש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן בַּיי דִי שְׁחִיטָה וואו מִיר נֶעמֶען אוּנְזֶערֶע פְלֵייש, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי שׁוֹחֲטִים ווִי זֵיי שֶׁחְטְ'ן מִיט אַ יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן דִי צוּגַאנְג פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע פְלֵייש; וַוייל וִויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֵוייס הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי מְהוּדָר, אוּן אִיךְ הָאף אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן אָנְהֵייבְּן קוֹיפְן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ פְלֵייש.

דִי שׁוֹחֲטִים בִּין אִיךְ מֵעִיד אַז זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ, זֵיי נֶעמֶען נִישְׁט דֶעם מֶעסֶער אִין הַאנְט נָאר נָאכְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן נָאר נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן נָאר נָאכְן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין פַּרְנָסָה פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לז): "עִקַּר חֶסְרוֹן הַפַּרְנָסָה שֶׁנִּתְמַעֵט בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ אֵין זֶה אֶלָּא עַל יְדֵי הַשּׁוֹחֲטִים שֶׁאֵינָם מְהֻגָּנִים", דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים, וַוייל: "יֵשׁ שׁוֹחֵט הָגוּן מַאֲכִיל וּמְפַרְנֵס לְיִשְׂרָאֵל", דוּרְךְ עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים קוּמְט פַּרְנָסָה; וַוייל זֵיי זֶענֶען גּוֹרֵם דִי פַּרְנָסָה.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין תְּפִיסָה בַּאזוּכְן טַייעֶרֶע אִידְן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְשְׁפַּארְט פַּאר אַסַאךְ יָארְן. וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל דַארְף מֶען זוּכְן זְכוּתִים מִיט וָואס צוּ גֵיין צוּם יוֹם הַדִּין, וֶוען מֶען גֵייט בַּאזוּכְן דִי אִידְן אִין תְּפִיסָה אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים; דָאס הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט, אַז דִי צַייט וָואס זֵיי רֶעדְן מִיט בַּאזוּכֶער שְׁפִּירְן זֵיי נִישְׁט ווִי זֵיי זֶענֶען אִין תְּפִיסָה, זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ ווִי מֶען הָאט זֵיי בַּאפְרֵייט.

דִי אִידְן אִין תְּפִיסָה הָאבְּן נָאר אֵיין זַאךְ וָואס הַאלְט זֵיי - דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן; וִוי מֶער זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס אִין חֵדֶר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט זֵיי דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה - אַלְץ גְרִינְגֶער אִיז זֵיי, מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילּוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יְסוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", אָבֶער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶער מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## כַּלָּה שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן דִי מוֹסְדוֹת, סֵיי בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ, סֵיי בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ זֶע עֶנְק שְׁרַייבְּן מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ; אִיךְ הָאף אַז עֶנְק בַּאדַאנְקֶען זִיךְ אוֹיךְ פַארְן מְנַהֵל אוּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת, וָואס פַּאר זֵיי קוּמְט בֶּאֱמֶת דֶעם יְיַשֶׁר כֹּחַ, זֵיי לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען עֶלְטֶערְן טוּעֶן שֶׁעצְן דִי אַרְבֶּעט - גֶעבְּט דָאס כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ שִׁיקְן אַייעֶר טָאכְטֶער לֶערְנֶען כַּלָּה שִׁיעוּרִים; מִיר הָאבְּן אִין דִי קְהִילָּה דִי חָשׁוּב׳עֶ מְנַהֶלֶת פוּן בֵּית פֵיגָא מָרַת ... תִּחְיֶ׳, זִי לֶערְנְט מִיט דִי כַּלּוֹת אוֹיף דִי וֶועג וִוי מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת; אָבֶּער דָאס הָאט מִיט עֶנְק עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ עֶנְק ווילְן נֶעמֶען אַ פְּרוּי וָואס אִיז מֶער מוּמְחֶה - זָאלְן עֶנְק טוּן וִוי אַזוֹי עֶנְק פַארְשְׁטֵייעֶן.

דֶער עִיקָר זָאלְן עֶנְק נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים, וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער גוּטְס בַּאקוּמְט מֶען, מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, א): "הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב", דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג שְׁטֶענְדִיג ׳כִּי טוֹב׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, דוּרְכְדֶעם וֶועט זַיין "כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אַז מֶען הָאט אַ טַעֲנָה אוֹיף אֵיינֶעם, גֵייט מֶען צוּם בֵּית דִּין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד אַז עֶר הָאט אַ טַעֲנָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד - זָאגְט דִי תּוֹרָה - עֶר זָאל גֵיין צוּם בֵּית דִּין, אוּן בֵּית דִּין זִיצְט מִיט בֵּיידֶע אוּן בֵּית דִּין פַּסְקְ׳נְט וֶוער עֶס אִיז זַכַּאי אוּן וֶוער נִישְׁט; אִיז וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע? אַז דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה, דוּ הָאסְט גֶעשִׁיקְט דְרַיי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט שֶׁקֶל מִיט אֵיינֶעם אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן יֶענֶער הָאט דָאס גֶענִיצְט פַאר זִיךְ וְכוּ׳, דוּ בִּיסְט אַ פַארְלוֹירֶענֶער, דַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן אַלֶע יָארְן אִיז גֶעגַאנְגֶען לְטִמְיוֹן - זָאלְסְטוּ רוּפְן יֶענֶעם צוּם בֵּית דִּין.

אַ אִיד טוּט נָאר וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אַ אִיד טוּט וָואס בֵּית דִּין זָאגְט, אוּן אַז בֵּית דִּין פַּסְקְ׳נְט פַארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל, אוֹיבּ פָאלְגְט מֶען דֶעם פְּסַק - אִיז מֶען נָאר מַרְוִויחַ אוּן מֶען הָאט גָאר שֵׁיין הַצְלָחָה, אוּן אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט בֵּית דִּין - אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה אִין דִי גֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפ), אַז מֶען קוּמְט אָן צוּ דִּין תּוֹרָה אִיז דָאס אַן: ״עֹנֶשׁ וּנְקָמָה שֶׁהַתּוֹרָה נוֹקֶמֶת בּוֹ״, דִי תּוֹרָה נֶעמְט נְקָמָה פַארְן פַארְגֶעסְן בַּיים עוֹסֵק זַיין אִין בִּיזְנֶעס - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה; דַארְף מֶען אַלֶעס בְּרֶענְגֶען צוּם בֵּית דִּין אוּן דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּן דִי בִּיזְנֶעס, ״כִּי בֶּאֱמֶת כְּשֶׁעוֹשִׂין מַשָּׂא וּמַתָּן״, וֶוען מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס דַארְף מֶען דָאס טוּן נָאר מִיט אַ וֶועג עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וִוי מֶען מַאכְט בִּיזְנֶעס, ״אֲבָל פְּנִימִיּוּת מַחֲשַׁבְתּוֹ צָרִיךְ לְקַשֵּׁר אֶל הַתּוֹרָה״, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ מֵיין עֶס אִיז זֵייעֶר קְלָאר וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דִי מִילְיָאן דָאלֶער בִּיז דְרֵיי יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב גֶעבָּארְגְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַ מִילְיָאן דָאלֶער צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי בִּנְיָן 40 אַקַאדֶעמִי אִין לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק, פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

זְמַן הַפֵּרָעוֹן אִיז בִּיז דְרֵיי יָאר, חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ״ט לפ״ק

וְעַל זֶה בָּאתִי עַל הֶחָתוּם.

...

## זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טַייעֶר זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ׳ער מְלַמֵּד ר׳ יוֹאֵל מֹשֶׁה פְלֵיישְׁמַאן נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער ווילְן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טַייעֶרֶער מֶענְדְל נֵרוֹ יָאִיר; אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה אִין דַיין אַרְבֶּעט, אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אַ וַוארֶעמֶע לִיבְּלִיכֶע הֵיים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

מִיר שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳, פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳.

מִיר וֵוייסְן אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וְויפִיל כּוֹחוֹת און פְּלָאג עֶס לִיגְט אִין דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא; אַז אוּנְזֶער טָאכְטֶער זָאל הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע לִיבְּלִיכֶע הֵיים, וואוּ מֶען לֶערְנְט אֱמוּנָה, צְנִיעוּת און מִידוֹת טוֹבוֹת, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר און מִיר שִׁיקְן דִי קְלֵיינִיקֵייט אַרוֹיס צוּ וַוייזְן אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ קֶענֶען פִירְן קִינְדֶער מִיט אַ בָּאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ קֶענֶען פִירְן קִינְדֶער מִיט אַ בָּאס, אוּנְזֶער מוֹסָד מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען דְרֵייוְון אַ בָּאס; עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער און אַהֵיים טְרָאגְן דִי קִינְדֶער פוּן און צוּ חֵדֶר, מֶען הָאט אַ חֵלֶק אִין קִיּוּם הָעוֹלָם, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): ״אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דִי זְכוּת פוּן אַ בָּאס דְרֵייוֶוער וָואס פִירְט קִינְדֶער גֵיין הֶעלְפְן דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס.

וּמַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, קוּק זִיךְ גוּט אוּם, דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת - דִי זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, און אַז מִיר וֶועלְן רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, אַז דִי וָואס הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעהָאלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ מוֹסְדוֹת, און אוֹיךְ דִי וָואס הֶעלְפְן עַד הַיּוֹם - וִוי זֵייעֶר הַצְלָחָה שַׁיינְט זֵיי, און אַזוֹי וֶועט זַיין בַּיי דִיר, דַיין בִּיזְנֶעס וֶועט זִיךְ פַארְמֶערְן אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.

...

## אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיינֶע לִיבֶּע טַייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאףְ אַז עֶנְק הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אוּן עֶנְק זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן וְכוּ׳. אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן עֶנְק, עֶנְק זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אוּן עֶס זָאל עֶנְק נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט וְכוּ׳.

עֶנְקֶער עֲבוֹדָה אִין דִי טֶעג אִיז לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצה, (וְסִימָנְךָ ׳הַקֵּ״ץ׳, דוּ וֶועסְט זֶען דִי עֶנְדֶע פוּן אַלֶע צָרוֹת), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ ווָאונְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת אוּן יְסוּרִים - זָאל מֶען גוּט אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, וַוייל אוֹיךְ אִין דִי צָרָה - טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן גוּטְס טוּן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז דַיין עֲבוֹדָה, אוּן נָאר דָאס; דוּ זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זַאכְן וָואס דוּ זֶעסְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט חֲסָדִים, אוּן אִיר זָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; עֶנְק מוּזְן מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹיפִיל פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען מוּז טְרַאכְטְן פוּן דִי חֲסָדִים אוּן דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוער עֶס הֶעלְפְט מִיר אִין מוֹסָד, אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ גְרוּס פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, סֵיי פוּן דִי חֵדֶר, סֵיי פוּן בֵּית פֵיגָא אוּן פוּן יְשִׁיבָה; אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן פוּן דִי לִימוּדִים

וָואס מֶען לֶערְנְט; דִי אֱמוּנָה, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת, און אִיךְ הָאף אַז דוּ בַּאדַאנְקְסְט זִיךְ פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס, קַאוּנְסְלֶערְס, בָּאס דְרַייוֶוערְס און אַזוֹי וַוייטֶער וְכוּ׳.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא; מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ פָארְן צוּ שִׂמְחוֹת, יֶעדְן טָאג אִיז דָא שִׂמְחוֹת, אִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ קַיין שִׂמְחוֹת, אָבֶער דָא בִּין אִיךְ יָא גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּ זַיין בַּיי דִי חֲתוּנָה, וַוייל דֶער בָּחוּר אִיר פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, עֶר הָאט גֶעפִירְט אַ בָּאס מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, און אוֹיךְ דִי כַּלָּה אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יָאר אַ טִיטְשֶׁער אִין אוּנְזֶער סְקוּל אִין קִרְיַת יוֹאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ טִיטְשֶׁער פַאר דִי קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ, זִיצְן אַ יָאר אָן קַיין חַבֶרְ׳טֶעס, נָאר צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ גֶעפָארְן זַיין בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי דִי חוּפָּה און גֶעלֵיינְט דִי כְּתוּבָה, וַוייל בַּיי מִיר אִיז דִי מוֹסָד זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, און וֶוער עֶס הֶעלְפְט מִיר אִין דִי מוֹסָד - וֶוערְט מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט און אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ.

אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער הַאלְט אִיךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אִיךְ בַּאקוּם אַ בַּארִיכְט יֶעדְן טָאג פוּן דִי מְנַהֲלִים, סֵיי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סֵיי פוּן שְׁטֶעטְל, און פוּן דִי יְשִׁיבָה; סֵיי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און פוּן שְׁטֶעטְל; דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָר, און דָאס אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ; דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִינוּךְ אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא״ש.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**צוּ דִי טַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן עֶנְקֶערֶע לֶערֶערִינְס אַז עֶנְק גֵייעֶן אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה; אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, דִי הֲלָכוֹת אוּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת; אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק קֶענֶען דַאוֶוענֶען ווִי מֶען דַארְף צוּ דַאוֶוענֶען עֶנְקֶער גַאנְץ לֶעבְּן.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד אִיז דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, דַאוֶוענֶען אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דַאוֶוענֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶבַע, אוּן אֲפִילוּ עַל פִּי טֶבַע אִיז דָא דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - קֶען מֶען מִיט דַאוֶוענֶען דָאס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק טַייעֶרֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, עֶנְק זָאלְן נִישְׁט וֶוויי טוּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אַז מֶען טוּט וֶוויי אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְל - טוּט מֶען וֶוויי דִי שְׁכִינָה, מֶען מַאכְט צַעַר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען בֶּעט נִישְׁט אִיבֶּער קֶען מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן. אִיךְ בֶּעט עֶנְק, קֵיינְמָאל זָאלְן עֶנְק נִישְׁט וֶוויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, קֵיינְמָאל זָאלְן עֶנְק נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, עֶנְק זָאלְן נָאר זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע אוּן נָאר זוּכְן שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אוּנְזֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט אוֹיף דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר סְגַן מְנַהֵל אֵלִיָּהוּ זֶעלְקָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר ווִילְן גֶעבְּן אַ קְלֵיינִיקֵייט פַאר הַכָּרַת הַטּוֹב, אַרוֹיס צוּ ווַייזְן אוּנְזֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט אוֹיף דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער יְחֶזְקֵאל

נֵרוֹ יָאִיר און מֶענְדְל נֵרוֹ יָאִיר, פַּארְן זָארְגְן פַּאר זֵיי דִי גַאנְצֶע זוּמֶער מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט און הַארְצִיגְקֵייט.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה ווינְטְשְׁט מִשְׁפַּחַת ...

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דִי זוּמֶער וָואכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ׳ער זוּמֶער דִירֶעקְטָאר מָרְדְּכַי רָאזֶענְבֶּערְגֶער נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר ווִילְן גֶעבְּן אַ קְלֵיינִיקֵייט אַרוֹיס צוּ וַוייזְן אוּנְזֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט פַארְן מַאכְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דִי זוּמֶער וָואכְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער יְחֶזְקֵאל און מֶענְדְל נֵרָם יָאִיר.

זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי זוּמֶער פְּרָאגְרַאם, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, גֵיי אִין מִקְוֶה און זָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ מִקְרֶה לַיְלָה - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, טוֹבֵל זִיךְ מִיט אַ לֵב נִשְׁבָּר, און זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן, דִי תִּיקוּן אוֹיף מִקְרֶה לַיְלָה; צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים - [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], און

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צב), וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא), אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן.

זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִילָה פוּן רֶבִּי נָתָן, דִי תְּפִילָה נָאךְ תִּיקוּן הַכְּלָלִי; זָאג דִי וֶוערְטֶער בַּיי דִי תְּפִילָה: "וּבִפְרָט כָּל הַטִּפּוֹת שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי בַּלַּיְלָה הַזֹּאת, עַל יְדֵי מִקְרֶה לַיְלָה שֶׁקָּרָה לִי בַּעֲווֹנוֹתַי הָרַבִּים", אִין אִידִישׁ: אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר דִי נַאכְט, אִיךְ בִּין טָמֵא גֶעוָוארְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה, מֶען קֶען צֶעגֵיין פוּן דִי תְּפִילָה, דָאס הַארְץ וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן דִי תְּפִילָה, וִוי מֶען בֶּעט: "מַר לִי מְאֹד אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער טַאטֶע אִין הִימְל, "מַר לִי מְאֹד רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, "רְאֵה אַנְחָתִי וְאַנְקָתִי", קוּק וִוי אִיךְ קְרֶעכְץ, "כִּי נַפְשִׁי מָרָה לִי מְאֹד", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער, "עַד אֲשֶׁר אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ אֲנִי יָכוֹל לִחְיוֹת מֵעֹצֶם מְרִירוּת נַפְשִׁי אֲשֶׁר עַד גָּבְהֵי שָׁמַיִם יַגִּיעַ", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען לֶעבְּן אַזַא לֶעבְּן, "כִּי קַצְתִּי בְחַיַּי, לָמָּה לִּי חַיִּים כָּאֵלֶּה", אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן אַזַא סָארְט לֶעבְּן, וָואס דַארְף אִיךְ אַזַא לֶעבְּן? "חַיִּים מָרִים וּמְרוֹרִים מִמָּוֶת", אַ לֶעבְּן וָואס אִיז עֶרְגֶער פוּן טוֹיט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע תְּפִילָה; דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן צֶערַייסְט דָאךְ דָאס הַארְץ.

אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט עֶס זָאל נָאכְאַמָאל פַּאסִירְן זָאלְסְטוּ טוּן דִי סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בַּעֲווֹן קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלַן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז עֶר דַארְף אַן עֵצָה, דֶער מַגִּיד הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר

צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן עֶר זֶעט יֶעדֶע נַאכְט קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה". דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְן רֶבִּי'ן, זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָבֶּער שׁוֹין גֶעוָוארְן מִתְנַגְדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען דַיין יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאגֵיין מִיט אִיר ווִי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ צוּ דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִין דֶעם לִיגְט דַיין יְשׁוּעָה, אוּן אַנְשְׁטָאט זוּכְן סְגוּלוֹת פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, טוּן דָאס אוּן יֶענְץ גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט וָואס דוּ דַארְפְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן צוּ אִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן עָהְרֶע - וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן - וֶועסְטוּ זֶען גְלַייךְ אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ וֵוייס אַלֶעס, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער, אִיךְ וֵוייס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, וַוייל אַלֶעס פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וֵוייס אִיךְ, אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט מִיר; מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף

דַיין וַוייבּ, בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נֶעם אַלֶעס אָן בְּאַהֲבָה, רֶעד צוּ אִיר וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי חָשׁוּב׳סְטֶע פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט, און טְרָאג אִיר און בְּרֶענְג אִיר וִוי מֶען טְרָאגְט אַ מַלְכָּה, און פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר; וֶועסְטוּ זֶען גְלַייךְ דַיין יְשׁוּעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ און מֶען פָּארְט אויף אוּמַאן?!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהַרְנַ״תְ אִין דִי בְּרִיוְון פוּן פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא שְׁרַייבְּט עֶר: "לְסֵדֶר ׳כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן׳"; מֶען פָּארְט שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת, יֶעדֶער הָאט שְׁוֶועריִקֵייטְן, דָאךְ פָּארְט מֶען צוּם רֶבִּי׳ן, און אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דִי יָאר קוּמֶען, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, נִישְׁט קוּקְן אויף קֵיינֶעם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס און אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אויף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי׳ן, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם", און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער פָּארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ זַיין רֶבִּי, בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת׳ן פָּארְט מֶען אַוֶועק אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן - דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער

דִי װעלְט, הִימְל אוּן עֶרְד, "הֲיִתָּכֵן מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי וַוייבּ אוּן מֶען פָּארְט אוֹיף אוּמַאן? !" דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ בַּאוַוייז אַז דָאס אִיז דִי קוֹל הֲבָרָה וָואס ווִיל פָּארְשְׁטֶעלְן דִי קוֹל דִקְדֻשָּׁה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם צַדִיק, מֶען זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַלֶע תִּיקוּנִים.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת אַוֶועק פוּן דִי גַאנְצֶע טוּמְל, אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, מִיר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - גֶעבְּט מֶען אַוֶועק פוּן דִי אַנְדֶערֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, מֶען שְׁפָּארְט אָפּ גֶעלְט אִינְמִיטְן יָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ װֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן קֶענֶען אַלֶעס פַּארְעֶכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ פַאֽרְגֶענִיגְן בַּיים שְׁוִימֶען פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ'עֶר לֵייפְגֶארְד הַבָּחוּר ש. קַאהַאן נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע טִיפּ אַרוֹיס צוּ וַוייזְן אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטוֹב פַארְן מַאכְן אַ פַארְגֶענִיגְן בַּיים שְׁוִימֶען פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## לָאמִיר אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִּיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט גֵיין הֲפָצָה, דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה אִין מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

מִיר פָארְן שׁוֹין אִין צְוֵויי וָואכְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְטוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט טוּן דִי ווִילְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וְויפִּיל כֹּחוֹת און פְּלָאג עֶס לִיגְט אִין חֵדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְנַהֵל ר׳ מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס דֶער מְנַהֵל שְׁלִיטָ״א טוּט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר וֵוייסְן אַז מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וְויפִּיל כּוֹחוֹת און פְּלָאג עֶס לִיגְט אִין חֵדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ זִיךְ אָנְצוּזַאפְּן מִיט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר און מִיר הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מְנַהֵל וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ חֵדֶר וואוּ מֶען פְּרֶעדִיגְט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים און יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**וְוינְטְשְׁט מִשְׁפַּחַת ...**

...

**תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת מִיט אוּנְזֶער טַייעֶר זוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ר׳ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער ווילְן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זוּן הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר; לֶערְנֶען מִיט אִים תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידוֹת טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ און הַצְלָחָה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, וְוינְטְשְׁט מִשְׁפַּחַת ...

...

## גֶעבָּארְגְט צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דֶעם בִּנְיָן הַמּוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב גֶעבָּארְגְט פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן אוֹיף דִי גַאס 40 אַקַאדֶעמִי אִין לִיבֶּערְטִי, פַאר מוֹסְדוֹת בְּרֶסְלֶב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

זְמַן הַפֵּרָעוֹן אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ״ט.

וְעַל זֶה בָּאתִי עַל הֶחָתוּם.

...

...

## אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עִבְרִי מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ׳עֶר מְלַמֵּד ר׳ בֶּערְל שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער וִויל מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען עִבְרִי מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין אַרְבֶּעט, אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה ווינְטְשְׁט מִשְׁפַּחַת ...

...

## קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן שׁוֹין פוּן הַיינְט צְוֵויי וָואכְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, בַּיים רֶבִּי׳ן הָאט מֶען נָאר גֶעקֶענְט זַיין דֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא״שׁ

דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּקָאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן דִי תּוֹרָה.

וָואס אִיז גֶעוֶועזְן דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

וִוי קֶען מֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן וֶוען מֶען טוּט וֵויי דִי וַוייבּ? וִוי קֶען מֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת? מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה רֶעדְן פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט, אַז שׁוֹפָ"ר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה"; לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁוֹרֶשׁ פּוֹרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ', אוּן דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ, מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען אוּן וֵויי טוּן דִי וַוייבּ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי בְּרִיוו אִין דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן רִיכְטִיג, וֶועסְט רֶעדְן וֵוייךְ, וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין אוּן הַארְצִיג צוּ דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין מִיט אוּנְזֶער זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד ר׳ שָׁלוֹם שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דִי זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער ווִילְן מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זוּן יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר, אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה,
מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה ווִינְטְשְׁט מִשְׁפַּחַת ...

...

## מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן שׁוֹין אִין וֵוייניִגֶער פוּן צְוֵויי וָואכְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן צוּ זַיין דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ טוּן, מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים; מִיר דַארְפְן מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען, דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן אִיז - זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן אַז דוּ פַאלְסְט כְּסֵדֶר אַרָאפּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען נִסְיוֹנוֹת, אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט דִי גֶעפִיל אַז מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה

גֶעוֶועןְ. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט און גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶועןְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶועןְ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶועןְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶועןְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! און פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, און נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

גֵיי הֲפָצָה, זַיי נִישְׁט סֶעלְפִישׁ און נָאר טְרַאכְטְן און קוּקְן אוֹיף זִיךְ; אַז דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען דִי אוֹצָר פוּן רֶבִּי'ן וָואס מַאכְט דִיר לִיכְטִיג דַיין לֶעבְּן - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע? אַז דוּ וֶועסְט גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע דִי סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ' - וֶועסְטוּ מְתַקֵּן זַיין וָואס דוּ דַארְפְסְט מְתַקֵּן זַיין, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", דוּרְךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְרֶעכְט מֶען דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַזוֹי שֵׁיין אָפְּגֶעגֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מַגִּיד שִׁיעוּר ר׳ יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר ווִילְן אַרוֹיסְוַוייזְן אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב פַאְרן זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נַחְמָן נָתָן אוּן יִצְחָק דָוִד, פַאְרן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן דֶערִיבֶּער שִׁיקְן מִיר דִי טִיפּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

מִשְׁפַּחַת ...

...

## קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

שִׂמְחָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חֲתָ״ךְ, אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ׳ אֶת׳ יָדֶךָ׳"; אַז מֶען ווִיל שֶׁפַע, מֶען ווִיל צִיעֶן צוּ זִיךְ דִי שֵׁם הַקָּדוֹשׁ פוּן חַ׳תָ׳ךְ׳ - דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, ווַייל דִי שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן (דְּבָרִים טז, טו): "וְהָיִיתָ׳ אַךְ׳ שָׂמֵחַ׳", ווַייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מֶער מִיט קֵיינֶעם, זַיי מְוַותֵּר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, זִיכֶער אִין שְׁטוּב, דָארְט זָאלְסְטוּ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן; ווַייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּב, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן - גֵייט דִי פְּגַם בִּיז דִי פַּרְנָסָה, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פַארְגֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הָאט נָאךְ צְוֵויי שַׁבָּתִים דִי יָאר תשפ״ו, אוּן אַז דוּ וֶועסְט דִי וָואךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ - וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פַארְגֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת וְכוּ׳, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, זַיי מְוַותֵּר, פַארְגֶעבּ, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט אוֹיף וָואס אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן - זָאלְסְטוּ זַיין בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין אוּן בֶּעט אִיבֶּער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַהֵיים קוּמֶען הַיינְט פְרֵייטָאג אַבִּיסְל פְּרִיעֶר, הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ׳, וָואס דָאס זֶענֶען עֲווֹנוֹת (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ), עֶנְדֶערְשׁ קוּם אַהֵיים הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּלֵייגְן, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת סְעוּדוֹת.

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן וֶועט דִי שְׁכִינָה זַיין בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ מְוַותֵּר - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מְוַותֵּר זַיין. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז.): ״כָּל הַמַּעֲבִיר עַל מִידּוֹתָיו״, וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ, ״מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו״, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶועלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ כְּתוּבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...